## קאַפּיטל דריי

1 און פּעטרוס און יוחנן זענען אַרויפֿגעגאַנגען אין
בית המקדש אַרײַן אין דער שעה פֿון תּפֿילה,
2 דער נײַנטער. און אַ מאַן, אַ לאָמען פֿון זײַן מוטערס
לײַב, האָט מען געבּרענגט צו טראָגן, װעלכן מען
פֿלעגט אַנידערזעצן יעדן טאָג בײַם טויער פֿון בּית
המקדש, װאָס האָט געהייסן שער המהודר, צו בּעטן
נדבות פֿון די, װאָס זענען אַרײַנגעגאַנגען אין בּית
3 המקדש אַרײַן. דערזעענדיק פּעטרוסן און יוחנן,
װעלכע האָבן געהאַלטן בײַם אַרײַנגיין אין בּית
4 המקדש, האָט ער (זיי) געבּעטן אַ נדבה. פּעטרוס
אָבער האָט אויף אים אַ בּליק געטון מיט יוחנן און
5 געזאָגט: קוק אויף אונדז. און ער האָט געװענדט
זײַן פּנים צו זיי, האָפֿנדיק עפּעס פֿון זיי צו באַקומען.
6 פּעטרוס אָבער האָט געזאָגט: זילבער און גאָלד
האָב איך נישט, נאָר װאָס איך האָב יאָ, דאָס
גיב איך דיר. אין דעם נאָמען פֿון ישוע המשיח
7 אויס נצרת, שטיי אויף און גיי. און ער האָט אים
אָנגעכאַפּט בײַ דער רעכטער האַנט און אים אויפֿ־
געשטעלט; און אין אַן אויגנבליק זענען זײַנע פֿיס
8 און קנעכלעך געשטאַרקט געװאָרן. און ער איז
אויפֿגעשפּרונגען און האָט זיך אַנידערגעשטעלט,
און איז אַרומגעגאַנגען; און איז אַרײַנגעגאַנגען מיט
זיי אין בּית המקדש אַרײַן, אַרומגייענדיק און
9 שפּרינגענדיק און לויבנדיק ג־ט. און דאָס גאַנצע
פֿאָלק האָט אים געזען אַרומגיין און לויבן ג־ט.
10 און מען האָט אים דערקענט, אַז דאָס איז דער, װאָס
פֿלעגט זיצן אויף נדבות בײַם שער המהודר פֿון בּית
המקדש, און זיי זענען פֿול געװאָרן מיט שטוינען